STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11212

# DI NATSYONALE VIEDERBELEBUNG FUN DEM IDISHEN FOLK

Pinhas Rutenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס בן־עמי
(פ. רוטענבערג)

# די נאַציאָנאַלע ווידערבעלעבונג פון דעם אידישען פאָלק

"Si scopron le tombe, si levano i morti..."

„עס עפענען זיך קברים, די מתים ערוואכען..."

(אוים דעם ליעד פון די גאַריבאלדיער)

אוים דעם רוסישען מאנוסקריפט איבערזעצט

פון ב. ריווקין

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

הויפט־פערקויף:

מאקס נ. מייזעל

אידישער פערלאג פיר ליטעראטור און ווימענשאפט

424 GRAND ST., N. Y.

1915

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

# פארוואָרט

## צו דער אַמעריקאַנער אידישער אויסגאַבע.

---

אין אַמעריקאַ געפינען זיך פיעל אויסגעוואַנדערטע אידען פון דייטשלאַנד און עסטרייך, וועלכע האָבען גענוג גרונד צו ליעבען זייערע פאטערלענדער און וועלכע ווינשען זיי פון גאַנצען הארצען אַ נצחון איבער די אַליאירטע.

אין אַמעריקאַ געפינען זיך פיעלע אויסגעוואַנדערטע אידען פון רוסלאַנד, וועלכע האָבען גענוג גרונד רוסלאַנד צו האַסען אויס אַ נאַטירליכען און בעגרייפליכען נקמה־געפיהל.

איך האַס פון דער טיפעניש פון מיין נשמה רוסלאַנד'ס רע־גיערער פאַר פיעלעם און הויפּטזעכליך פאַר זייערע גרויזאַמע, אין דער געשיכטע נאָך קיינמאָל ניט געהערטע, אונזיניגע, ווי פון אַ צוהיצטען מוח אויסגעבריהטע, ווילד־צולאָזענע, קרענקליך־אויסגע־לאַסענע אידען־פייניגונגען.

אָבער איך האָב ליעב רוסלאַנד. איך בין איבערצייגט, אַז דוקא איצט, אין דער איצטיגער מלחמה, וועט רוסלאַנד זיך בע־פרייען פון איהר שרעקליכען „אינערליכען שונא", — דער דעגע־נערירטער, טאַלענטלאָזער, פערברעכערישער זעלבסטהערשאַפט. און אַז צוזאַמען מיט איהרע אַליאירטע וועט זי זיעגען איבער איהר שרעקליכען אויסערען שונא—דייטשלאַנד. איך ווינש עס פער־זענליך און בין איבערצייגט, אַז אָביעקטיוו איז עס אונפערמיידליך, פאַטאַל.

איך דענק, אַז ווען די אידען, וואָס לעבען איצט אין רוסלאַנד, זאָלען ארונטערפאַלען אונטער דער מאַכט פון דייטשלאַנד, וואָלטען זיי פּאָליטיש ווירקליך זיך עמאַנציפּירט, אָבער נאַציאָנאַל וואָלטען זיי געצוואונגען געווען זיך צו אַסימילירען, ד. ה. אַז אונזער נאַציאָ־

נאַלע טראַגעדיע וואָלט זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי נאָך אין אַ שטאַרקערער פאָרם. איך דענק, אז אין בעפרייטען רוסלאַנד וועלען די אידען לעבען לייכטער, איידער אין דייטשלאַנד, סיי נאַציאָנאַל, סיי עקאָנאָמיש.

מיינע מיינונגען האָב איך איבערגעגעבען אין דער פאָרליעגענדער בראָשור. אָבער איך רעכען זיך מיט די מיינונגען פון אנדערע אידען, — מיינונגען, וואָס זיינען געגענגעזעצט צו מיינע, און איך זאָג:

די בעדינגונגען, אונטער וועלכע מיר אידען לעבען, ווערען וואָס אַ טאָג טראַגישער, שרעקליכער. אומעטום. אונזער פאָלק איז אין גרויס געפאַהר.

פריהער פון אלץ זיינען מיר אידען. און פריהער פון אלץ מוזען מיר שיצען אונזערע אייגענע אידישע אינטערעסען, ערפילען אונזערע אייגענע אידישע פליכטען. פליכטען, וואָס מיר קענען ניט אָבלייגען, וואָס לאָזען זיך ניט אָבשטרייטען. מיט וועלכען צד אונזערע סימפּאַטיען זאָלען ניט זיין.

די צייט ווארט ניט. מיר דאַרפען גלייך נעהמען פעראייניגען אַלע אָרגאַניזירטע קרעפטען אונזערע — פון די עקסטרעם לינקע ביז די עקסטרעם רעכטע — אַלע די, וואָס אַנערקענען, אז דאָס אידישע פאָלק האָט זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע נויטען און אינטערעסען. מיר דאַרפען גלייך און אונגעזאַמט ארויסטרעטען, מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק, ניט דורך פּריוואַטע, וועז אפילו גאָר בעריהמטע שתדלנים און מליצי־יושר, נור דורך אונזערע, פון פאָלק בעפולמעכטיגטע פאָרשטעהער. נייטראַל בנוגע צוביידע קריעג־פיהרענדע צדדים.

אָט די פאָרשטעהער וועלען צונויפבריינגען דעם גאַנצען מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען פאַר דער צייט פון מלחמה, אַ מאַטעריאַל פון אונגעהייערער פּאָליטישער וויכטיגקייט פאַר אונז, וועלען אויסהערען אַלע מיינונגען, ווי ענטגעגענגעזעצט זיי זאָלען ניט זיין, און זיי וועלען בעשליסען: ווי אזוי זאָל זיין, און וואָס צו טהאָן.

מיט פולען רעכט וועלען זיי בעשליסען און האנדלען אין נאָ־מען פון גאַנצען אידישען פאָלק, ווארים די פון אונז, וואָס האלטען ניט די אידען פאר א פאָלק, קענען ניט און האָבען קיין רעכט ניט צו ריידען אין זיין נאָמען.

אמעריקא איז דאָס איינציגע לאַנד, וואו די אידען, לויט זייער צאָהל, לויט זייער וואוילשטאַנד, פּאָליטישער לאגע און איינפלוס, שטעלען פאר מיט זיך אן אָרגאַניזירטען — דעם איינציג אָרגאַניזירטען — פרייען און שטאַרקען טייל פון אידישען פאָלק, מיט וועלכען אונזערע פריינד און אונזערע פיינד רעכענען זיך גאָר ערנסט. ניט נור אין אמעריקא, נור אויך אין אייראָפּא. ניט נור פאר דער מלחמה, נור אויך איצט.

אויף די אמעריקאַנער אידען ליעגט דארום א בעזונדערס גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט פאר יעדען טריט זייערן, פאר אלץ וואָס זיי טהוען און וואָס זיי טהוען ניט; פאר אלץ, וואָס וועט זיך קענען אָברופען אויף דער געגענוואַרט און צוקונפט פון דער גאַנצער אידענשאַפט.

די צייט וואַרט ניט. די אמעריקאַנער אידען מוזען ערפילען זייער פליכט. שפּעטער וועט שוין זיין צו שפּעט.

---

ניו־יאָרק, יוני 12, 1915.

# די נאַציאָנאַלע ווידערבעלעבונג פון דעם אידישען פאָלק

## I.

ווי דאָס רוב שטודירענדע אידישע יוגענד פון מיין דור, — די יוגענד פון „תחום“ — האָב איך געהאט זיך דורכצורייסען דורך „נאַרמען“ און „פּראָצענטען“, אום זוכה צו זיין צו העכערער בילדונג, צו „וואווינרעכט“. און אין דער גרויסער שטאָדט, אין איהר גרויסען לעבען, ווייט פון היימישען קרייז, האָב איך געפונען אן אויסוועג פאר דער בעדערפניס, וואָס איז געוואקסען אין מיר פון קינדהייט אָן, דאָרט אין דער אידישער „גהעטאָ“ — דער בעדערפניס אין פּראָטעסט און קאמפף געגען אונטערדריקונג און פערפאָלגונג. און איך בין אריין אלס פּרייוויליגער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ארמעע און האָב איהר געדיענט טריי לויט מיינע כוחות. אין גלויבען און אויפריכטיגקייט; ניט אויס יראה, נור אויס אהבה. און אלץ אוועקגעגעבען, וואָס איך האָב נאָר געקענט.

די רוסישע ליטעראטור, די רוסישע וויסענשאפט, קונסט, מוזיק, האָבען אנטפלעקט פאר מיר די טיעפענישען פון די ליידען פון רוסישען פאָלק. די אידישע ליידען האָבען זיך צואשוואומען אין זיי; ווייט פון זיי, האָב איך זיי אלץ ווייניגער געהערט, אלץ ווייניגער געזעהן.

אונטערפאלענדיג דעם איינפלוס פון מיין צייט, דעם איינפלוס פון דעם קאָסמאָפּאָליטישען קרייז, אין וועלכען איך האָב געלעבט, בין איך געוואָרען א „רוסישער אינטעליגענט“, און „אידעאלאָג פון רוסישען פּראָלעטאריאט“; געקעמפפט, ווי איך האָב געקענט, פאר דער פרייהייט פון ר ו ס י ש ע ן פאָלק, פאר דער ר ו ס י ש ע ר קולטור. און אונטער דעמזעלביגען איינפלוס האָב איך זיך, ווי פיעלע פון מיין גלייכען, אלץ מעהר דערווייטערט, ביז איך בין אין גאנצען ווייט אוועק פון מיין אייגענער ליידענספולער אומה.

* *

*

יאהרען זיינען אוועק זייט דעם. פיעל צער אויסגעשטאנען, און צוזאמען מיט די איבערגעבליבענע פון דער צושמעטערטער רוסישער רעוואָלוציאנערער ארמעע, בין איך פערוואָגעלט געוואָרען אין דער פרעמד, אין אויסלאנד, אלס רוסישער פּאָליטישער עמיגראנט. צו מיין גליק, בין איך געבליבען אָן א זייט פון דעם לעבען פון די רוסישע עמיגראנטען־קאָלאָניעס—א לעבען וואָס איז אויסערליך אזוי קליינליך, אבער אינערליך אזוי טיעף־טראגיש, אזוי יאמערליך. איך האָב זיך צוגעשלאָגען צו אַן אינטערעסאנטער ארבייט, וואָס פלעגט מיך צייטענווייז פערכאפּען, אין א קרייז פון געזונדע, אָפּט שעהנע, גרויסע מענשען, און זיי, צוזאמען מיט דער פראכטפולער ארומיגער נאטור, האָבען מיך אויסגעהיילט פון מיינע הויפּט פעהלערען — האלב־געבילדעטקייט, איינזייטיגקייט, צושרויפטע נערוועז און צוטומלעניש, וואָס איז מיט דעם פערבונדען.

און עס האָט זיך ביי מיר איינגעשטעלט א געזינטערע בעציהונג צו מענשען, א שטרענגערע בעציהונג צו זיך אליין און א פעראנטוואָרטליכערע בעציהונג צו דער רייכער ערפאהרונג פון מיין לעבען.

און דאמאלס, נאָך א צייט פאר דער מלחמה, האָבען זיך אוועקגעשטעלט פאר מיר די פאָלגענדע פראגען:

פאר וואָס איך, א קולטורעלער מענש, וועלכער האָט זיין בעשטימטען ווערטה אין לעבען, שעהם זיך מיט מיין „אידישער אָבשטאַמונג“ און זוך עס, מיט אלע מיטלען און אויף פערשיעדענע אופנים, צו בעהאלטען פון ניט אידען? פאר וואָס טהוען דאָס פיעלע און פיעלע אידען, מענשען, אָהן ספק, עהרענהאפטע און ווירדיגע?

פאר וואָס האָבען ניט אידען, מענשען, צו וועלכע איך פערהאלט זיך מיט גרויס אכטונג, אפילו מיינע נאָהענטע, חברים, רעוואָלוציאָנערען, מיט וויינינגע אויסנאהמען, וועלכע זיינען פאר מיר אויך אוגמער צווייפעל, ניט „ליעב“ אידען — פאר וואָס זיינען זיי אין דער טיעף פון זייער נשמה אנטיסעמיטען?

פאר וואָס טרעפט איהר אָט דעם אנטיסעמיטיזמוס, אין דער אדער יענער פאָרם, ניט נאָר אין רוסלאנד, וואו עס איז פאר־האן אזוי פיעל רעכטלאָזע, ערנידריגטע און פערפאָלגטע אידען,

נור אויך אין אנדערע לענדער, וואו אידען זיינען ווייניג און וואו זיי זיינען בעשאַנקען מיט אַלע רעכט, צוגלייך מיט אַלע אנדערע בירגער?

*  *
*

צוקוקענדיג זיך צום לעבען, פאַרשענדיג די פראגע אין די גרענעצען, ווי וויט איך האָב געקענט גרייכען, איז מיר גאַר ניט שווער געווען זיך צו איבערצייגען, אז שעהמען זיך מיט דער אידישער אָבשטאַמונג פאר אידען בכלל און פאר מיר בפרט — איז ניטאָ וואָס.

אז אזוי גוט ווי אנדערע פעלקער, פערמאָגען מיר אידען ניט נור אונזערע חסרונות און אונזערע אייגענע ליידען, נור אויך אונזערע אייגענע גרויסע נאציאנאלע מעלות, אן אייגען מהות, אייגענע אויפגאבען און אן אייגען פּלאַץ אין אַל־מענשליכען לעבען אוןווירקען.

מענשען, וואָס שטאמען פון פערשיעדענע לענדער און ראַסען; מענשען וואָס זיינען אויסגעוואקסען און לעבען אונטער דער ווירקונג פון פערשיעדענע געשיכטליכע און קולטורעלע טראַדיציעס, פון פערשיעדענע געאגראפישע און קלימאטישע בעדינגונגען, פון פערשיעדענע סאָציאלע און עקאָנאָמישע בעציהונגען, האָבען ניט געקענט און קענען נאָך איצט ניט, אפילו ביי די הייגטיגע וואונדערבארע קאמוניקאציאנס־מיטלען, לעבען און טראַכטען אַלע אויף איין שטייגער.

אי דער כאראקטער, אי דער גלויבען, אי דער געדאנקענגאנג, אי דאס לעבען פון יעדער בעזונדערער נאציאן זיינען פערשיעדען. אבער יעדע נאציאן, אויף איהר ארט, מיט איהר לעבען, ליידען און קאמפף, וואָס זיינען פערשיעדען פון לעבען, ליידען און קאמפף פון אנדערע נאציאנען, העלפט־מיט דעם אַל־מענשליכען פּראָגרעס, דערנעהנטערט אונז צום אַלמענשליכען ציעל, — דעם איין איינציגען פאר אַלעמען.

און קלערער און אַלץ נעהענטער ווערט דער ציעל, ווייל עס געהען צו איהם פערשיעדענע פעלקער, מיט פערשייעדענע וועגען, פון פערשיעדענע זייטען. איינער דעם אנדערן העלפענדיג; איינער דעם אנדערן שטיצענדיג. אמאָל אבער אויך איינער דעם

אנדערן פערניכטענדיג. דאָס ווענדט זיך פון דעם אינערליכען ווערטה פון די כוחות, פון דעם, אויף ווי פיעל דער מהות פון דער אדער יענער נאציאָן איז אין איינקלאַנג מיט דעם אלגע־מיינעם ציעל, וואס די מענשהייט שטעלט זיך אין א געוויסען מאָמענט.

יעדעס פאָלק איז דער טרעגער פון די נאציאנאלע ווערטהען, וואָס זיינען אויסגעוועהטאָגט, געשאפען פון אלע זיינע פריהעריגע דורות. און ער ענטוויקעלט זיי ווייטער, שיצט זיי ניט נור פון פערניכטונג, נור אויך פון אָבבלייכונג, פון קאָליר־לאָזיגקייט. די נאציאָן היט אָב איהרע ווערטהען, זיי זאָלען ניט דורכגעדרונגען ווערען ניט נאָר מיט שעדליכע, נור בכלל מיט פרעמדע עלעמענ־טען פון די קולטורען פון אנדערע נאציאנען. וואָרים די שאַ־פונגען פון יעדער נאציאָן, דער סך הכל פון איהר מאַטעריעלען און גייסטיגען לעבען, זיינען נור אויף אזוי פיעל ווערטה, אויף ווי פיעל זיי זיינען א פראָדוקט פון איהר גאנצען געשיכטליכען לע־בען, אויף וויפיעל זיי זיינען טיעף־אינערליך נאַציאָנאַל.

דאָס אידענטום האָט זיך איינגעהאלטען דורך די יאהרטוי־זענדע, ניט קוקענדיג אויף אויסערגעוועהנליך אונגינסטיגע בע־דינגונגען. און זיין נאציאָנאלער ווערטה און זיין איינפלוס אויף דעם אלגעמיינעם פראָגרעס און קולטור קענען ניט אבגעשטריטען ווערן.

ווי א נאציאָן פון גרויסען גייסטיגען רייכטום און קראפט, האָבען מיר אידען פאר דער מענשהייט דורכגעלייגט פיעלע נייע וועגען, און מיר האָבען איהר פיעלע גרויסע אמת׳ן פאר וועג־ווייזער געגעבען. מיר זיינען די בעשעפער און טרעגער פון אונ־געהייערע וועלט־ווערטהען—גאָטעסאיינהייט, קריסטענטום, קאפי־טאליזם, אינטערנאציאנאלען סאָציאליזם — ד. ה. די אידעע פון אכטונג, ברידערליכקייט, ליעבע און געגענזייטיגע הילף צווישען מענשען; די אידעע פון דער העכסטער ענטוויקלונג פון זייערע פראָדוקציאָנס קרעפטען; די אידעע ווי אזוי די קרעפטען אויס־צונוצען אויפ׳ן בעסטען אופן און מיט׳ן גרעסטען ערפאָלג אין דעם שווערען קאמפף — אונטער דער שווערער לאסט פון לעבען.

די אויסערגעוועהנליכע פערפאָלגונגען, וואס זיינען אויסגע־פאלען אויף אונזער גורל, דער קאמפף פאר זעלבסטערהאלטונג,

פאר עלעמענטארער מענשליכער עקזיסטענץ, האָבען ענטוויקעלט און בעפעסטיגט אונזער נאציאנאלע אינדיווידואליטעט, איהר מהות און ווידערשטאַנדסקראפט. און אויך די נאציאנאלע אָבגעזונדערטקייט פון די אידישע פאָלקס־מאסען.

די אויבערשטע אקטיווע שיכטען פון דער אידענשאפט, אָהן אן אייגענעם שטאאט, אָהן די מעגליכקייט פאר אן אייגענעם נאציאָנאלען לעבען און שאפען, זיינען געצוואונגען זיך צופאסען צו די פאָרמען און ראהמען פון לעבען און שאפען פון די פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען — צופאסען זיך צו זייער קולטור. דערביי ארייגטראָגענדיג אין איהר, ניט ווילענדיגערהייט, אונטער א פרעמדע מאסקע זייער שארף אויסגעשפראָכענע נאציאָנאלע אינדיווידואליטעט. און פעראידעשענדיג די פרעמדע קולטור, ניט קוקענדיג אויף זייער שיינבארע „אסימילירטקייט", אויף זייער אָבגעריסענקייט פון אייגענעם פאָלק.

דאָס אליין וואָלט גענוג געווען ארויסצורופען געגען אונז א נאטירליכען אבוועהר און קאמפף.

אבער ניט האָבענדיג קיין אנדער אויסוועג מוזען מיר אידען זיך קלאמערן אן פרעמדע נאציאנאלע ארגאניזמען, וואס זוכען אונז ארויסצושטויסען פון זיך; מוזען מיר בעוואוסט אדער אונבעוואוסט, מיט גערעכטע אָדער אונגערעכטע, אָבער אלע מאָל ערנידריגענדע וועגען זעהן אויסמיידען די שטערונגען, וואס מיר בעגעגנען אויף טריט און שריט.

דאָס געפיהל פון הילפלאָזיגקייט, פון ניט האָבען קיין אויסוועג פאר אונזער לאגע, דאָס נידריגע און ערנידריגענדע צופאסען זיך צו די אומשטענדען, האָט געשאפען אין אונז צוזאמען מיט אויסערגעוועהנליך ווערטפולע, דורך יאהרהונדערטע פון קאמפף אויסגעארבייטע, נאציאנאלע מעלות, אויך ספעציפיש נאציאנאלע, אוננאָרמאלע אייגענטימליכקייטען, חסרונות, — א צושפאָלטענע און אוננאָרמאלע פסיכאָלאָגיע. דאָס האָט אונז געמאכט פאר אונרוהיגע, פאנאטישע בעשעפענישען, פאר מענשען פון עקסטרעמען, פאר מענשען, וואס זוכען דורך עקסטרעמען, דורך פאנאטיזם צו פערטויבען דעם שארפען פיינליכען וועהטאָג איבער דעם אויסערגעוועהנליך שווערען, האָפנונגסלאָזען, אונגערעכט ־ ערנידריגענ־

דען מזל, וואָס קיין אומה וויים פון דעם ניט און וואָס איז אויס־ געפאַלען אויף אונזער גורל.

א דאנק די אונגאָרמאַלע היסטאָרישע בעדינגונגען פון אונזער לעבען, בעקומען די מעלות און חסרונות, סיי די וואָס זיינען אונז איינגעבוירען און סיי די וואָס מיר האָבען ערוואָרבען אין עקזיסטענץ קאַמפּף, אַן אויסדרוק אין אונגאָרמאַלע פאָרמען פון לעבען און דענקען; און זיי האָבען אַ פאַטאַלאָגישען איינפלוס אויף דאָס לעבען און קולטור פון די פעלקער, מיט וועמען דאָס שיקזאַל האָט אונז פערבונדען און וועלכע קענען פון אונז ניט לויז ווערן.

א דאנק דעם און א דאנק אונזער פיזישער שוואַכקייט דענענערירט דער קאַמפּף געגען אונז אין פערפאָלגונגען, גזירות, נאַציאָנאַלע פעראַכטונג, אין אַנטיסעמיטיזם.

די פּרינציפּען פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעציהונגען, פון קלאַסען קאַמפּף, פערנעהמען טאַקע א וויכטיגען פּלאַץ אין לעבען, אבער זיי זיינען ניט די איינציגע פאַקטאָרען וואָס בעשטימען דאָס צוזאַמענלעבען און דאָס געגענזייטיגע פערהעלטנים פון פער־ שיעדענע נאַציאָנאַלע גרופּען.

די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ פון די „קליינע" און „גרויסע" בורזשואזיען, אידישע און ניט אידישע, איז ניט די גרונד אורזאַכע פון אנטיסעמיטיזם, — וואָס האָט עקזעסטירט און עקזיסטירט נאָך עד היום אין א גרעסערן אדער קלענערן גראַד אומעטום.

אין רוסלאַנד, און נאָך א רעוואָלוציע, און אפילו אונטער א רעפּובליק, ווען אידען וועלען שוין האָבען בעקומען אַלע בירגער־ ליכע רעכטע, וועט דער אנטיסעמיטיזם זיך נאָך פערשטאַרקען, אויב די שטאַאַטליכע לאגע פון די אידען וועט זיך ניט ענדערן. די איצטיגע ליבעראַלען, ראַדיקאַלען און אפילו סאָציאַ־ ליסטען, וועלכע מיר אידען האָבען געמאַכט פאַר קאָממאָפּאָליטען, וועלען פון בעהאַלטענע און דאָס רוב אונבעוואוסטע, ווערען אָפּע־ נע און גאָר גרויסע אנטיסעמיטען, ווייל זיי וועלען האַמאַלס ווערן מעהר בעוואוסטזיניגע פּאַטריאָטען פון זייער פאַטערלאַנד, פון זיי־ ער קולטור און געשיכטע.

און קיין זאַך וועט דאָ ניט העלפען, ניט ענדערן — ניט דאָס געפיהל פון זעלבסט־ווירדע פון דער רוסישער אינטעליגענץ, ניט דאָס שעמעדיגע געפיהל, די בושה פאַר די אונגערעכטע, באַרבאַ־

רישע פערפאָלגונגען פון אידען מצד דער רעגירונג פון אויבען און די רוסישע מאַסען פון אונטען. דאָס אַלץ וועט ניט קענען אויסוואָרצלען די פּאַקטיש עקזיסטירענדע, אַפילו ביי דער אינטעלי־גענץ גופא, ראַסען־אַנטיפּאַטיע צו דער אידענשאַפט, וועלכע האָט אויף דער רוסישער קולטור אַ גרויסען און ניט אַלע מאָל אַנגעלעג־טען איינפלוס. דער אַנטיסעמיטיזם ווערט גענעהרט פון אפשר ניט געזונטע, אבער דאָך שטאַרקע זאַפטען, וואָס נעהמען זיך פון גאָר ערנסטע קוועלען — פון דער טיעפענניש פון לעבען און פון די בעדינגונגען, אין וועלכע די אידען געפינען זיך.

דער אינטעליגענטישער אַנטיסעמיטיזם איז קאָנסטאַטירט גע־וואָרען אין לעצטען יאָהרצעהנדליג נאָך דער רעוואָלוציע אַפילו ביי די פּראָגרעסיווסטע קרייזען פון רוסלאַנד. געגענזייטיגע בעשול־דיגונגען פון אידען און ניט אידען פאַר אַן ערשיינונג, וואָס ער־נידריגט סיי די, סיי יענע — פאַר'ן אַנטיסעמיטיזם — זיינען ניט אם פּלאַץ. ביידע צדדים זיינען „גערעכט", ביידע זיינען „אומגע־רעכט."

פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסען פון דער אַלגעמיינער קול־טור און ציוויליזאַציע, אין וועלכער די אידען האָבען געשפּיעלט אַזאַ אַנגעזעהענע ראָלע, וואָלט די אַסימילירונג פון אידענשאַפט, אַפילו ווען זי וואָלט געווען מעגליך, אויך ניט געווען ווינשענס־ווערטה. אבער די אַסימילאַציע פון דער אידענשאַפט, ווי אַ נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם, ווען אַפילו זי וואָלט געווען ווינשענס־ווערטה, איז א ו נ מ ע ג ל י ך. דאָס בעווייזט אונזער גאַנצע געשיכטע. אַפילו אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אַפילו אין דער פרייער, דעמאָקראַטישער איטאַליען זיינען אידען, לויט'ן אויסזעהן גאָר אַסימילירטע, אין דער אמת'ן גאָר ניט אַסימילירט.

און אויך דאָרט עקזיסטירט אַנטיסעמיטיזם, וואו אידען איז פאַרהאַן אַזאַ קליינע צאָהל.

און ווען די איצטיגע בעדינגונגען, אונטער וועלכע די אידען לעבען, וועלען אָנהאַלטען אויך ווייטער, וועט זייער איינפלוס ווערן אַלץ מעהר פּאַטאָלאָגיש, אַלץ מעהר סאָציאַל געפעהרליך, סיי פאַר די פעלקער צווישען וועלכע מיר לעבען, סיי פאַר אונז אליין.

פּטור ווערן פון אַט דעם איינפלוס איז מעגליך אויף צוויי־ערליי וועגען: אדער אויסראָטען, פערטיליגען אַלע אידען ביז

איינעם . דאָס לאָזט זיך ניט דורכפיהרען. אָדער אידען זאָלען בע־
קומען די מעגליכקייט פון א זעלבסטשטענדיגען, שעפּפערישען
נאַציאָנאַלען לעבען, אין אן אייגענעם שטאַאט, אויף אן אייגענער
טעריטאָריע, מיט אן אייגענער וויסענשאַפט, אידישער קונסט, אינ־
דוסטריע און האנדעל, אידישען קלעריקאליזם, קאַפּיטאַליזם, סאָ־
ציאַליזם, קלאַסען קאמפף, מיט אלץ, אלץ, אין וואָס די אָנגעזאָ־
מעלטע נאַציאָנאַלע ענערגיע זאָל זיך קענען אויסגיסען אין גע־
זונטע, אייגענע און אייגענטימליכע, פאר איהר צוגעפּאַסטע, נאַ־
ציאָנאַלע פאָרמען. אַט אזוי ווי ביי אלע אנדערע פעלקער.

און נור אין ארץ ישראל, וואָס מיט איהר זיינען פערבונדען
דער פאָלקס־עפּאָס און די פאָלקס־ראָמאַנטיק, וואָס האָבען שוין צו־
געצויגען צו זיך די בעשאַפער פון א בעדייטענדער אידישער קאָלאָ־
ניזאַציאָן — דער אָנהויב פון אן ערנסטער אידישער קולטור.

אַלס ספּעציאַליסט־טעכניקער ווייס איך, אז די זאַמדען און
די מדבריות פון ארץ־ישראל קענען און וועלען פערוואַנדעלט ווערען
און בליהענדע גערטנער, אז איהרע וואַסערען שטעלען מיט זיך
פאָר א קוואַל פון אונגעהויערער אינדוסטריעלער ענערגיע. לויט
איהר געאָגראַפישער לאַגע און דעם כאראקטער פון דער נאַטור,
איז ארץ ישראל בערופען צו ווערן דער צענטער פון וועלט־האנדעל
און אינדוסטריע, וואָס וועט קענען שפּייזען און ערנעהרען א פיעל־
מיליאָנעדיגע בעפעלקערונג.

* *

*

איך האָב ליעב רוסלאַנד, מיין געבורטסלאַנד, סיי פאר די
וויינינגע פריידען, סיי פאר די פיעלע און גרויסע ליידען, פאר אלץ
וואָס זי האָט מיר געגעבען, מיט וואָס זי האָט מיר מיין נשמה אָנ־
געטרונקען. איך בין צוגעבונדען צו איהר מיט לייב און לעבען. זי
איז מיינע, און קיינער וועט מיר ניט איינריידען, אז עס איז ניט
אזוי. איך ווייס, אז די איבערוויעגענדע מעהרהייט אידען דענקען
און פיהלען אזוי ווי איך. ליעבען פונקט אזוי זייערע געבירטהען,
אפילו די גרויזאמע געבירטהען־שטיף־מאַמעס.

אָבער קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ.

סיי אידען, סיי ניט־אידען דאַרפען האָבען דעם מוטה אָבצו־
געבען זיך א קלאָרען חשבון אין דעם.

עס האנדעלט זיך ניט וועגן פילאַנטראָפּיע, וועגן מענשען־ליעבע, ניט וועגן אויפריכטען אַ „היים פאַר אונטערדריקטע און פערפאָלגטע“, נאָר וועגן לייזען דעם וועלט־קאָשמאַר, וואָס רופט זיך די „אידישע פראַגע“. און אין דעם זיינען אַלע גלייך פעראינ־טערעסירט, אַלע דאַרפען אָנווענדען אַלץ וואָס איז אין זייער כח — אידען און ניט־אידען — פון אַלע לענדער, אַלע לאַגערן, אַלע קלאַסען.

II.

אזוי האָב איך געטראַכט נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה. פּלוצלינג האָט זי אויסגעבראָכען, ווי אַ דונער אָבגעהילכט און די וועלט אויפ־געטרייסעלט און פערטויבט.

אַן אונזיכטבארע עלעמענטארע קראַפט, ווי דער טויט, די קראַפט וואָס האָט אַלץ און אַלעמען גלייך געמאַכט, האָט אַ כאַפּ געטהאָן די פערציטערטע מענשהייט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט דורכגע־מישט, פאָלק דורך פאָלק, און האָט איטליכעס אַ וואָרף געטהאָן אויף זיין פּלאַץ, אין זיין היים־לאַנד, און די אידען אויך, יעדען אין דער מדינה, וואו ער איז געבאָרען, אין דער מלוכה, פון וועלכער ער האָט זיך גערעכענט אָדער געפיהלט פאַר אַן אונטערטהאָן אָדער בירגער. מיליאָנען מענשען האָבען זיך געשטעלט אונטער'ן ביקס, פערגעסען זיינען געוואָרען אַלע נאַציאָנאַלע, מיינונגס־ און אינטערעסען־פער־שיעדענהייטען. מען האָט אָבגעלייגט די שטרייטען און די קעמפּפע. מען האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צו די גרענעצען, צו בעשיצען מיט איי־גענעם בלוט די היים־געליעבטע אויסגעוועהטאָגטע היים־לענדער — די ירושה פון די אבות.

רוסלאַנד איז געווען אין געפאַהר, און אין איהר אנגעזיכט איז די רוסישע רעגיערונג, די רוסישע זעלבסט־הערשאַפט מיט איהר בלינדער, חיה'שער גרויזאַמקייט, אָבגערוקט געוואָרען אין הינטער־גרונד.

איך, און פיעלע פון מיין גלייכען, האָבען דאַמאָלס אויך „אַלץ פערגעסען“, מיר זיינען גרייט געווען אוועקצוגעבען אונזערע יונגע לעבענס דעם פאַטערלאַנד, וואָס האָט זיך געגויטינגט אין זיי. אָבער פאַר „רוסלאַנד“ עקזיסטירען מיר ניט, מיר דער „אינערליכער שונא“. ווער עס האָט געקענט, דער איז אוועק אין די פרעמדע, פערבינדעטע אַרמעען. און איך, ווען איך האָב זיך בעזינט, האָב איך דערזעהען, אז

ווי א איד, וואלט איך אפילו איצט געווען אין רוסלאנד א „פרעמדער“.

ניט קוקענדיג אויף די אונגעהייערע קרבנות, וואס מען וועט מורזען ברייגגען אין דער איצטיגער מלחמה, וועלען דער נאציאנאלער כאראקטער פון דער מלחמה און אנדערע בעגלייטענדע אומשטענדען אהן ספק פיהרען צו א זיעג פון רוסלאנד און איהרע פערבינדעטע. איך האב פערשטאנען, אז די רוסישע זעלבסטהערשאפט, מיט איהר מיסטישער אויפפאסונג וועגען דעם געטליכען אורשפרונג פון איהר מאכט, מאראליש דיסקרעדיטירט און אין ווארצעל אונטערגעבראכען דורך דער רעוואלוציע, וועט איצט, נאך א זיעג, אהן צווייפעל זיך פערשטארקען און אויפגעריכט ווערן. און זי וועט זיך לאזען טייער בעצאהלען, פון רוסישען פאלק און בעזונדערס פון די אידען, פאר די שרעקען, וואס זי האט ניט לאנג צוריק, אין דער רעוואלוציאנס צייט, איבערגעלעבט.

* *

*

די צייטונגען האבען געבראכט ידיעות פון רוסלאנד: הונדערטער אידען האבען ווירדיג און מוטיג געקעמפפט פאר זייער פאטערלאנד. און דער מאביליזירטער „רויטער קרייץ“ האט ניט אויפגענומען קיין אידישע טעכטער. אידען, וואס זיינען געקומען צולויפען פון אויסלאנד, און די אנטלאפענע פון קריעגס־ראיאן, פרויען, קינדער און אלטע לייט, רואינירטע און אויסגעמאטערטע, וועלכע האבען געפונען א דאך ביי קרובים אדער גלאט גוטע מענשען אויסער'ן תחום, האט מען תיכף „על פי געזעץ“ ארויסגעטריבען. ארויסגעטריבען אפילו סאלדאטען, וואס זיינען פערוואונדעט געווארען אין דער מלחמה.

און אהן אויפהער זיינען אנגעגאנגען די „אבלאוועס“ (אזא עקעלהאפט ווארט!) אויף אידען, וואס האבען קיין „וואוינרעכט“ ניט. עס האבען ניט אויפגעהערט די משפטים אויף די וואס האבען עובר געווען אויף דעם געזעץ.

און ווייטער איז געקומען נאך שרעקליכערעס, נאך אונזיניגערעס. דאס „איידעל געבארענע“ פויליש פאלק האט זיך אנגעכאפט אן דער געלעגענהייט, וואס האט זיך געמאכט, און האט זיך גענומען מיט גאר ניט קיין איידעלע מיטלען צו פערקלענערען די צאהל אי־



צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

דען, מיט וועמען דער שיקזאל און די געשיכטע האָט זיי פערבונדען.

דער „עכט - רוסישער“ גענעראל רענענקאמפף, צוקומענדיג צו פרייסען, האָט אָנגעהויבען זיינע „רוהמרייכע“ זיעגען מיט א רייה אידישע פּאָגראָמען, וואָס האָבען לויט זייער פאָרם און גרויס, לויט זייער אונזיניגער גרויזאמקייט און גרויל, אריבערגעשטיגען אלץ, וואָס איז בעקאנט פון דער טויזענד-יעהריגער אידישער געשיכטע — אזוי אָנגעזאפּט מיט גרויל און גרויזאמקייט.

דאָס — אין רוסלאנד.

פלעמלאך פון אנטיסעמיטיזם — לאָמיר זאָגען, פון אונשולדיגען אנטיסעמיטיזם — האָבען זיך אויך אָנגעכאפּט דאָ און דאָרט אין פראנקרייך און אין ענגלאנד. אפילו אין דער פרייער נייטראלער איטאליען איז מיט דעם וואוקס פון נאציאָנאלען זעלבסט-בעוואוסטזיין אויך געוואקסען דער מיט איהם פאטאל-פערבונדענער אנטיסעמיטיזם.

שפּעטער איז נאָך עפּעס געשעהען. די גאליציאַנער אידען זיינען געבליבען טריי צו עסטרייך, זייער פאטערלאנד, וואו זיי האָבען גענאָסען פרייהייט און רעכט צוגלייך מיט די בירגער פון אנדערע נאציאָנאליטעטען. זיינען געבליבען טריי אפילו אין אנגעזיכט פון רוסישען חיל, וואָס האָט זיי שוין באצייטענס גענומען בעקענען מיט זייערע רעכטע, אלס צוקינפטיגע רוסישע בירגער, דורך דער בעקאנטער רוסישער אנשוייליכער מעטאָדע: דורך פּאָגראָמען, תליות, דורך געמיינסטען שפּאָט איבער לעבען און עהרע, און נור דערפאר וואָס זיי זיינען אידען. דאָס צו רעכטפערטיגען האָבען די רוסישע מאכטהאָבער זיך ערלויבט, אָפיציעל פאר דער גאנצער וועלט, ארויפצוואווארפען א בלבול אויף אלע אידען בכלל, אז זיי זיינען פעררעטער. בעת אויף די שלאכטפעלדער האָבען א האלב מיליאָן אידישע סאָלדאטען פערגאָסען זייער בלוט און זייער לעבען אוועקגעגעבען פאר רוסלאנד. און מען האָט זיך ניט וויסענדיג געמאכט, אז ערשט ניט לאנג זיינען זיי אלע געצוואונגען געוועזען עפענטליך זיך מודה צו זיין, אז אין זייער אייגענעם קרייז, אין דעם קרייז פון אריסטאָקראטי פון ריינסטען רוסישען בלוט, וועלכער עס לעבט זיך אונפערגלייכליך רוהיגער און בעסער, ווי די אָרימע גאליציאנער אידען, עסטרייכער אונטערטאנען, זיינען ענטדעקט געוואָרען פעררעטער, דייטשע שפּיאָ־

נען, ווי דער פּאָלקאָווניק פון גענעראַל שטאַב מיאַסאָיעדאָוו, וועמעס פעררעאַט מען האָט נאָך געזוכט צו פערדעקען.

מען האָט בעשולדיגט אין דיזער שרעקליכער צייט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון רוסלאַנד אין פעררעאַט צו זיין פאַטערלאַנד, ווי מען האָט ניט לאַנג צוריק בעשולדיגט איהם אין ריטואַלען גע־ברויך פון קריסטליכען בלוט, און אַלץ צוליעב דעם צו פערענטפערען דערמיט זייערע סאַדיסטישע, קראַנק צולאָזענע פערפאָלגונגען און הלומען זיך איבער אידען.

און קיינער האָט א האַנד אין קאַלט וואַסער נישט אריינגע־טהאָן. בעזונדערס צווישען אידען. נאָך א קרעכץ און נאָך א זיפץ. א רעפעראַט פון א וויכהערציגען רוסישען אינטע־ליגענט. און מעהר גאַרנישט.

* *

*

איך האָב פערשטאַנען, אַז אין דער איצטיגער גרויסער וועלט־טראַגעדיע איז דער חוב פון יעדען איד זיך צו אָפּגעבען נור פאַר זיין אייגען פאָלק, פאַר דאָס אידישע פאָלק.

און לויט מיינע כחות האָב איך גענומען ארבייטען אין דער ריכטונג.

הונדערטער מענשען פון פערשיעדענע לענדער, פון פערשיע־דענע געזעלשאַפטליכע שטופען, איבערצייגונגען און גלויבונגען, אי־דען און ניט־אידען, מיט וועמען איך בין געקומען אין בעריהרונג צוליעב דיזער אנגעלעגענהייט, האָבען מיט זייער פערהאַלטען זיך צו דעם, מיך בעפעסטיגט אין דער איבערצייגונג, אַז איך שטעה אויפ׳ן ריכטיגען וועג. צוערשט א סקעפּטישע, און מצד פון פיעלע אידען א נעגאַטיווע, פלעגט זיך די שטעלונג איבערבייטען אין א סימפּאַטישע, און דערנאָך אין א סאָלידאַרע.

אין פערשיעדענע ערטער האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף עהנליכע איניציאַטיוועס פון איינצעלנע פערזאָנען און גאַנצע גרופּען מיט דיזעלבע פּלענער און ציעלען, אָפט אויסגעדריקט מיט דיזעלבע ווערטער.

אין אונזער אונגעוועהנליכער צייט, ווען דאָס פאַנטאַסטישע, אוטאָפּישע ווערט רעאַל און דאָס אונמעגליכע ווערט מעגליך, קען אויך ווערן א ווירקליכקייט א אידישער שטאַאַט אין דער אַלטער

ארץ ישראל, וואָס אונטער איהרע הייסע הימלען זיינען מיט פיעלע יאָהרהונדערטען צוריק פערפלאנצט געוואָרען און זיך פונאנדערגעוואקסען די וואָרצלען פון דער רייכער, ליידענספולער געשיכטע פון אונזער פאָלק. — די טיעפע זאפטיגע וואָרצלען, וואָס ערנעהרען נאָך אונז עד היום.

די פראגע איז איצט קאָנקרעט אוועקגעשטעלט געוואָרען. די פרעסע און די עפענטליכע מיינונג בעציהען זיך צו איהר אויפמערקזאם און ערנסט. פעראנטוואָרטליכע דיפלאָמאטישע ספערען האָבען געמאכט בעשטימטע פערשפּרעכונגען.

אָבער דורך דיפלאָמאטישע פערהאנדלונגען און דורך שתדלנות קאָן מען קיין שטאאט ניט בעשאפען. בעזונדערס א אידישען שטאאט און אום צו לייזען אזא פראגע, ווי די אידישע.

אונזערע זיידעס האָבען געזעהען די ווידערגעבורט פון אלטען גריכענלאנד, אונזערע פאָטערס — די ערוואכונג פון גרויסען רוים, די פעראייניגונג פון איטאליען; נאָך פאר אונזער געדענכנים און פאר אונזערע אויגען האָבען די סערבען און בולגארען אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם שקלאפען-יאָך און מיט זייער בלוט האָבען זיי געוואונען פאר זייערע קינדער דאָס רעכט אויף א זעלבסטשטענדיגען, פרייען, מענשליך-ווירדיגען לעבען — אום צו קענען ארבייטען צוזאמען און צוגלייך מיט פיעלע אנדערע פעלקער — גרויסע און קליינע — וועלכע זיינען אלע גלייך וויכטיג און ווערטפול — פאר דעם אלגעמיין-מענשליכען פאָרטשריט און קולטור.

אונזער אייגענעם גלויבען אין אונזער רעכט און אז אנדערע זאָלען אנערקענען אונזער רעכט אויף אן אונאבהענגיגער נאציאָנאלער עקזיסטענץ, אויף אן אייגענעם שטאאט — אָט דעם גלויבען און אָט די אנערקענונג קאָנען מיר בעקומען נאָר מיט וואפען אין אידישע הענד; נאָר יעמאָלט ווען מיר וועלען פערגיסען אונזער אידיש בלוט *א ו י ף* יענעם לאנד און *פ א ר* יענעם לאנד. ווי קליין אונזער ארמעע זאָל ניט זיין, *א א י ד י ש ע* זאָל זי זיין.

אין קרימער קריעג האָט פיעמאָנט ארויסגעשטעלט 15 טויזענד סאָלדאטען און דערמיט האָט זיך אָנגעפאנגען די פעראייניגונג פון דעם מאָדערנעם איטאליען. און איצט שלאָגען זיך אין א ברודער-מלחמה אויף די שלאכטפעלדער 700 טויזענד אידען, פון קיינעם ניט בעמערקט, פון קיינעם אין קיין חשבון ניט אריינגענומען. ווען

מען זאָל ניט רעכענען די פערשטאַרקטע העצע אויף אידען אין רוסלאַנד.

נור אויף אזא וועג קענען מיר אויסגלייכען אונזערע נשמות, קענען מיר פיזיש און מאָראַליש געזונט מאַכען דאָס פערמאַטערטע, איבער דער גאַנצער וועלט צוזייטע און צושפּרייטע אידישע פאָלק, וואָס איז אזוי וויכטיג און נויטיג פאַר'ן לעבען. נור אונטער אזא בעדינגונג קענען מיר ווערן א געזונטער און נוציגער עלעמענט צוגלייך מיט אלע אנדערע בירגער אין די שטאַאַטען, אין וועלכע מיר לעבען און וועלען לעבען, ווענמען מיר האָבען בעצאָהלט אזא מורא'דיגען צינז מיט אונזער ארבייט, מיט אונזערע ליידען, מיט אונזער בלוט. ווייל אלע אידען וועט מען דאָך קיין ארץ ישראל ניט אריבערפיהרען. נור אונטער אזא בעדינגונג קען מקוים ווערן א ווירקליכע, און ניט קיין פיקטיווע, גלייכבערעכטיגונג פון די אידען, ד. ה. אונזער רעכט אויף א מענשליך־ווירדיגען לעבען — די „גלייכבערעכטיגונג", אויף וועלכער מיר האָבען א פולע רעכט, א רעכט, וועלכע קיינער קען ניט בעצווייפלען, קיינער קען ניט בעשטרייטען, א רעכט וואָס די איבערגעבליבענע אידען אין רוסלאַנד וועלען פערטיידיגען ניט מיט שתדלנות, נור דורכ'ן קאַמפּף.

* * *

יעדער ניט איד פון עקסטרעמסטען קאָנסערוואַטאָר, רעאַקציאָנער און אפילו אָפענעם אנטיסעמיט, ביז דעם עקסטרעמסטען רעוואָלוציאָנער, סאָציאַליסט, וועט אונז פערשטעהן, וועט מיט אונז מיטפיהלען און אונז העלפען, און פיעלע העלפען שוין. בלויז די „צו שעהן־גייסטיגע" רוסישע אינטעליגענץ, וועלכע מיר אידען גופא האָבען קאָסמאָפּאָליטיזירט און נאַציאָנאַל דעמאָראַליזירט, זי וועט ניט זיין מיט אונז, אָבער שטערען וועט זי אונז אויך ניט.

אונזערע הויפט־געגנער וועלען מיר געפינען אין אונזערע אייגענע רייהען — די סאָציאַליסטען, בונדיסטען, ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען, אידישיסטען, העבראַאיסטען, אסימילאַטאָרען, אלע גלייך אונטאָלעראַנט, „אונפעהלבאר", פאַנאַטיש, געגענזייטיג פערפיינדעט, גייסטיג פערקריפּעלט דורך אונזער אונגליקליכען לעבען, צוריסען און צואוואָרפען.

ווען אנדערע פעלקער האָבען אין דער איצטיגער אויסערגע־

וועהנליך־שווערער צייט געקענט פעראייניגען דיאמעטראל־ענטגע־ גענגעזעצטע סאציאלע עלעמענטען, מוזען מיר אידען אויך טהאן דאסזעלבע. און מיר קענען דאס. מיר דארפען נור זיך צוצווינגען צו זיין טאלעראנטער איינער צום אנדרען, כאטש צייטווייליג, כאטש נור איצט.

אלע אידישע כחות דארפען פעראייניגט און אנגעווענדט ווערן צו איין ציעל, צו אונזער איינציגער רעטונג — צו בעשאפען א מיטעלפונקט פון אונזער נאציאנאלער קולטור, אונזער אן אייגע־ נעם שטאאט, וואס אהן איהם קען ניט געלייזט ווערן די אידישע פראגע, קען ניט אבגעשאפט ווערן דער אנטיסעמיטיזם, קען ניט דערגרייכט ווערען קיין גלייכבערעכטיגונג. ערגיץ ניט, אפילו דארט ניט, וואו אידען געניסען שוין גלייכבערעכטיגונג.

אונטער דער פאהן פון רעליגיע און טראדיציע, איהר איינצי־ גען צופלוכט, איהר איינציגען שוץ, האט די מאסע פון אידישען פאלק איינגעהאלטען און דערטראגען צו אונז, דורך יאהרטויזענדע פון ליידען און פערפאלגונגען, אונזער נאציאנאלען מהות. און פאר איהם שטעלט זי זיך איין אויך איצט — פערטיידיגט איהם מיט ליידען און בלוט.

און די אויבערסטע שיכטען אונזערע, וועמען עס לעבט זיך פארט בעסער ווי דער פאלקס־מאסע, קענען אפילו איצט ניט, אין דיזער שרעקליכער, אויסערגעוועהנליכער צייט, אין קיין פרט ניט נאכגעבען איינע די אנדערע, קענען בשום אופן זיך ניט צו־ זאמענריידען.

פארהאן צווישען אונז פערשיעדענע סארטען אידען: פער־ שטאקטע, געלד־גייציגע, שרעקעדיגע — גאר ווייניג סימפאטישע פערזאנען. אזוי האט דאס לעבען זיי בעשאפען. אנדערש לעבען און דענקען קענען זיי ניט.

אבער אונזערע אקטיווע, פארטגעשריטענע קרעפטען — וואס האבען זיי געטהאן?

צוויי אידישע נאציאנאלע פאליטישע ארגאניזאציעס האבען מיר — ציוניסטען און בונדיסטען. זיי האבען פאר די לעצטע יאהר־צעהנדליגע אויפגעטהאן ארבייט פון גרויסער היסטארישער וויכטיגקייט פאר׳ן אידישען פאלק. אבער יעדע פון זיי — אן ארבייט א פערשיעדענע, אן איינזייטיגע, א דיאמעטראליש־געגענ־

געזעצטע לויט איהרע ציעלען און כונות. אַט ווי עס זיינען פער־שיעדען דער כאַראקטער און דער סאָציאַלער בעשטאַנד פון די גרו־פּען פון אידישען פאָלק, וואָס דיביידע אָרגאַניזאַציעס פערטרעטען.

די ציוניסטען האָבען אויפגעמונטערט דאָס בעוואוסטזיין פון איינענער זעלבסטווירדע אין אונזער פאָלק; זיי האָבען איהם אָנ־געוויעזען אויף דעם איינציגען אויסוועג — ארץ ישראל. זיי האָ־בען דאָרט אויפגעריכט אידישע קאָלאָניזאַציע, אידישע אגריקול־טור, נאַציאָנאַלע קולטור און שפּראַך. אָבער ביז דער לעצטער צייט האָבען זיי זיך ניט גערעכענט מיט דעם, וואָס דער איבערוויע־גענדער מעהרהייט פון אידישען פאָלק וועט דאָך אויסקומען נאָך לאַנג צו בלייבען אין רוסלאַנד, וואו די בעדינגונגען פון זייער לעבען מוזען און זאָלען געענדערט ווערען.

ווי אַ פּראָדוקט פון דערשלאָגענעם, אונטערדריקטען אידישען לעבען, האָבען די ציוניסטען ארויסגעטראָגען פון איהם און אריינגעטראָגען אין זייער ארבייט זייער שוואכען גלוי־בען אין דער קראַפט פון אידישען פאָלק. און זייער אי־בערטריבענעם גלויבען אין דער קראַפט פון הויכע „פערבינדונ־גען“, שתדלנות, אונטערהאַנדלונגען, דיפּלאָמאַטיע, מיטלען, וואָס זיינען בשום אופן ניט גענוג צו דערגרייכען אַזאַ אונגעהייערען ציעל, ווי זיי האָבען זיך געשטעלט. ניט גענוג, אויב מען וויל זיך ניט שטיצען אויף בעשטימטע קאָנקרעטע כחות, וואָס דאָס אי־דישע פאָלק פערמאָגט איבער גענוג.

די בונדיסטען פערטרעטען די ארבייטער עלעמענטען פון אי־דישען פאָלק, האָבען זיי אויסגעלערנט צו ק ע מ פּ פ ע ן פאַר זייער רעכט, אין רוסלאַנד, וואו די אידען מוזען אויסקעמפּפען זייער רעכט אויף אַ מענשליך־ווירדיגע עקזיסטענץ, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע רוסלענדישע נאַציאָנאַליטעטען. זיי האָבען אויסגעלערנט דאָס, וואָס די ציוניסטען האָבען ניט געקענט געבען; דאָס, פון וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיך שוין לאַנג אָבגעוועהנט. אָבער זייערע כחות האָבען די בונדיסטען איבערגעשעצט; זיי האָבען פערשפּרייט צווישען דעם אונבעדייטענדען און אונפּראָלעטאַרישען אידישען פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד אַ פערבלענדענדע אילוזיע, אַז עס עקזיסטירט אַ ברידערליכע ליעבע צו אידען ביי די ניט־אידישע ארבייטער, אַז עס איז מעגליך אַ אידישע נאַציאָנאַל־קול־

טורעלע אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד אָהן אַ זעלבסטשטענדיגע אי־
דישע טעריטאָריע, אַז די אידען האָבען פּונקט אַזעלכע רעכט אויף
פּוילען, ווי די פּאָליאַקען. ערקלערענדיג די ציוניסטישע בעווע־
גונג פאַר „רעאַקציאָנער", די קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל פאַר
„שעדליך" און די אויפריכטונג פון אַ פּאָליטיש־אונאַבהענגיגער
ארץ ישראל פאַר אַן „אוטאָפּיע".

די ציוניסטען און בונדיסטען שטעלען פאַר מיט זיך פערשיע־
דענע כחות פון אידישען פאָלק, וואָס מאַכען איינע די אַנדערע
גאַנץ, וואָס נויטיגען זיך איינע אין די אַנדערע.

אין זיין צייט איז דער קאַמפּף צווישען זיי געווען נאַטירליך
און ניצליך. איצט איז ער שעדליך. איצט איז זייער חוב צו
פעראייניגען זיך, ווייל צוזאַמען זיינען זיי אַ גרויסע מאַכט, בעזונדערה
זיינען זיי מאַכטלאָז.

דאָס איצטיגע לעבען האָט רעווידירט פיעל וויכטיגערע „אַנ־
גענומענע בעשליסע", איידער די ציוניסטישע און בונדיסטישע. דאָס
לעבען וועט זיך ניט צופּאַסען צו די בעשליסע פון די בונדיסטען
און ציוניסטען. אָבער די ציוניסטען און דער בונד דאַרפען זיך
צופּאַסען צו די בעשליסע פון דעם לעבען.

* *

*

די אידען, וואָס זיינען צוזייט און צושפּרייט איבער פער־
שיעדענע רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, בעזונדערס די עמיג־
ראַנטען, בעשעפטיגען זיך און זאָרגען זיך וועגען די אינטערעסען
פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע פעלקער, ניט נור פון
גרויסע, נור אויך פון קליינע: פּאָליאַקען, פינלענדער, סער־
בען, טערקען, אַרמענען, אַראַבער... אמת, פון שטאַנדפּונקט
פון די אינטערעסען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אָבער ניט
פון אידען. אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען זיינען פאַר זיי „שאָ־
וויניסטיש", „רעאַקציאָנער". די אידישע פראַגע וועט פאַר זיי גע־
לייזט ווערען „ערשט און נור" מיט דעם אָנקומען פון סאָציאַליזם.
און בעריהרען די פּראַגע, אפילו דערמאָהנען נור דאָס וואָרט „איד",
איז ניט פּאַסיג, דערעסיג. פון אַ סאָלידען מענשען — אַ אידען —
איז מיר אויסגעקומען צו הערען: אויב מיר סאָציאַליסטען זאָלען
נעהן שאַפען אַ פּאַלעסטינאַ פאַר אידען, טו פאַר וואָס זאָלען מיר

שוין ניט זעהן צו שאפען אויך אזא „פאלעסטינא" פאר די נעגרען, װעלכע קומען דאך אויך אב?

װען די „רוסישע" און „פוילישע" סאציאליסטען־רעװאלוציאנע־רען, סאציאל־דעמאקראטען, „פע—פע—עס—צעס", מאקסימאליס־טען, אנארכיסטען, טעראריסטען — פון אידישער אבשטאמונג — װאלטען געקענט א קוק טהאן אויף זיך, אזוי פון דער זייט, א הארך טהאן זיך אליין, רוהיג, מענשליך, מיט ליעבע און רחמנות, װאלטען זיי ערשט בעמערקט, נאך די פיבערישע אויגען, נאך זייערע ליידענשאפטליכע, פאנאטישע רייד, נאך דער צורודערטער אונרו־היגקייט זייערער, װי פאלש, טיעף־טראגיש אונזער לאגע איז; װאלטען זיי פערשטאנען, װי אזוי זיי, אין זייער איבערװיעגענדער מעהרהייט, פיזיש און גייסטיג טיפישע אידען, מיט אלע טיפישע גרויסע אידישע מעלות און חסרונות, — װי אזוי װעניג עהנליך זיי זיינען צו „רוסען", פאר װעלכע זיי רעכענען זיך אויפריכטיג און רופען זיך אזוי עקשנות'דיג. זיי װאלטען דערזעהן, װי אזוי דאס אונבעװאוסטע פערשװייגען פון אונזער צוגעהעריגקייט צו אידען, און דאס אויסבעהאלטען זיך אונטער רוסישע פסעװדאנימען, אום צו פערשטעלען עטװאס, װאס לאזט זיך ניט פערשטעלען — אונזער אידישען עצם — און דאס קרוינען זיך מיט א טיטול, װאס הייבט אונז ניט אן צו קליידען — „אידעאלאגען פון רוסישען פראלעטאריאט" — װי אזוי דאס אלץ רופט ארויס, אפשר אמאל אונבעװאוסט, אבער אלע מאל אן ערנידריגענדע, פון אויבען אראב קוקענדע, אין בעסטען פאל אן אויסערליך טאלעראנטע, בעציהונג צו אונז אידען מצד אונזערע אייגענע רוסישע חברים.

אויף אונזער אייגענעם ביישפיעל װאלטען זיי דערזעהן, װי טיעף טראגיש עס איז דאס לעבען פון אידישען פאלק, װאס מיר זיינען דאס פלייש פון זיין פלייש, זיינע בעסטע זאפטען.

פאר װאס זאל דער איד ניט טארען זיין א א י ד א רעװא־לוציאנער, א א י ד א סאציאליסט, װעלכער קעמפפט אין בע־װאוסטזיין פון זיין אייגענער נאציאנאלער װירדע, צוגלייך מיט דעם רוסישען, פראנצויזישען, דייטשען רעװאלוציאנער און סאציא־ליסט?

דער סאציאליזם איז אינטערנאציאנאל, אבער ניט קאסמא־פאליטיש. דער קאסמאפאליטיזם, װאס איז פון אידען געשאפען

געוואָרען — פון אונז שטאַאַטסלאָזע, היימלאָזע, ניט זיכערע אין מאָרגענדיגען טאָג — דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט געשפּיעלט אַ ראָלע, ער האָט איהר אָבער שוין אויסגעשפּיעלט. ער האָט אָבגעלעבט זיין צייט.

אין פערשיעדענע לענדער האָבען די פּראָלעטאַריער און זייערע בעסטע לעהרער ערקלערט, אַז אין דער איצטיגער שווערער שעה ווילען זיי און מוזען זיי פערטיידיגען זייערע פאטערלענדער און זייערע קולטורען.

וויפיעל מיר, „רוסישע“ אידען־סאָציאַליסטען, זאָלען ניט ערקלערען, אַז מיר שטעלען פאָר מיט זיך די „רוסישע סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל“, וויפיעל מיר זאָלען ניט טענה׳ן וועגען דעם, אַז די פיהרער זיינען „געפאַלען“, און וויפיעל מיר זאָלען ניט קלאָגען אויפ׳ן „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם“ און „סאָציאַל־שאָוויניזם“ פון פראַנצויזישען פראַנצויז גער אדער וואַלליאַן, פון רוסישען רום פּלעכאַנאָוו אָדער קראַפּאָטקין, דעם בעלגיער וואַנדערוועלדע און דעם דייטשען דייטש קאוטסקי, דער פּראָלעטאַריאט וועט זיי מעהר גלויבען, וועט זיך מיט זייער מיינונג מעהר רעכענען, איידער מיט אונזערער, און ער האָט מעהר גרונד צו רעכענען זיך מיט זיי, איידער מיט אונז.

ארום און ארום פלייצט בלוט, מענשען־בלוט, טייכענווייז גיסט זי זיך; אין וועה־געשרייען, אין אונענדליבע ליידען ווערט געבאָרען א ניי, אונצווייפעלהאפט בעסער לעבען, און מיר בלייבען אויסער׳ן לעבען; מיר פערשווענדען אונזערע כחות און ענערגיע אין פאַנאַטישע, פרוכטלאָזע, פון קיינעם אויסער אונז אליין ניט געהערטע ויכוחים וועגען „רעזאָלוציעס“ און „לאָזונגען“ בנוגע צו קריעג און פריעדען. אַקוראַט ווי קריעג און פריעדען הענגען אָב פון אונזערע רעזאָלוציעס און לאָזונגען.

און מיר זעהען ניט און מיר פיהלען ניט, אז דאָס אלץ איז א מין האשיש, א ווערמוט, וואָס מיר האָבען אינסטינקטיוו צוגעטראַכט פאַר זיך צו פערטויבען אונזערע ספּעציפיש־אידישע, אונז אליין פערשטענדליכע יסורים, וואָס פּייניגען אי דעם הונגעריגען רעוואָלוציאָנער, אי דעם זאַטען איד־באַנקיר. מיר זעהען ניט און פיהלען ניט, אַז אין דער איצטיגער שרעקליכער צייט איז אונזער שווערע עמיגראַנטען־לאַגע פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן ערנידריגענדע פּריווילעגיע, וואָס וועקט צו אונז מצד די ארו־

מיגע צאהללאזע אלמנות און יתומים. פעראכטונג און האס, ניט ווי צו רוסען, נור ווי צו אידען, פאראזיטען.

און אן ארבייט, אן ערנסטע ארבייט, איז פאר אונז דא. אין דעם ארומיגען לעבען איז אויך פאר אונז דא א פלאץ, א בכבוד'ער, א אידישער, וואס די אידישע רעוואלוציאנערען, וועלכע האבען געאפפערט און זיינען גרייט צו אפפערען מיט זיך, מוזען פער־נעהמען די ערשטע.

* *
*

די אידען, וועלכע האבען דאס גליק געהאט געבארען צו ווערען און אויסצואוואקסען אין פרייע קולטורעלע לענדער, וועלכע האבען די מעגליכקייט געהאט פריי צו ענטוויקלען זייערע קרעפטען און צו דערגרייכען די גאר הויכע שטאפלען פון סאציאלען, פאליטישען און וויסענשאפטליכען לעבען, גיבען זיך איצט די מיה, מיטצוהעלפען דער עמאנציפאציע פון רוסישע און רומענישע אידען, צו דערשלאגען זיך פאר זיי געדאנקען־ און רעליגיאנס־פרייהייט. ניט זיך און ניט די אידען בכלל אנערקענען זיי פאר א בעזונדערע נאציאנאליטעט. און זיי זעהען ניט אדער זיי ווילען ניט זעהן, אז רעליגיאנס־פרייהייט האבען אידען אפילו אין רוסלאנד, וואס אונז פעהלט איז די פרייהייט צו לעבען און צו אטהעמען סיי פאר די רעליגיעזע און סיי פאר די פרייגעזאנענע פון אונז, ביידע גלייך.

לויט א נייעם רוסישען געזעץ קומט אויס, אז ווען איינער פון די עלטערן — דער פאטער אדער די מוטער — איז א איד (נאטירליך, גע'שמד'ט), טארען זייערע קינדער, קריסטען, ביז אין פיערטען דור, ניט אויפגענומען ווערן אין דער פעטערבורגער מעדיצינישער אקאדעמיע.

און נאך א סך אזעלכע „רעכטע" האבען מיר וואס ציעלען אין די אידען לויט'ן בלוט, אין די אידען ווי א נאציאן, ווי א ראסע, און ניט ווי א רעליגיע.

די אידישע פאליטיק פון דער רוסישער רעגיערונג, די בעציהונג צו אונז פון די אנטיסעמיטען בכלל, אבגעזעהן דערפון צו זי איז א גערעכטע און א ריכטיגע, איז אונבעדינגט א קאנזעקווענטע, פיעל מעהר קאנזעקווענט און לאגיש, איידער אונזער איי־

גענע בעציהונג צו זיך אליין און צו אונזער האפנונגסלאזער טראגי־שער לאגע.

פיעלע פון די איינפלוסרייכע ניט רוסישע „גרויסע אידען", וועלכע פערשטעהען די לאגע, האבען מורא מיטצוהעלפען דער אי־דישער נאציאנאלער בעוועגונג, אום זיך ניט צו קאמפראמעטירען פאר זייערע אייגענע פאטערלענדער, אום „ניט צו פערשטארקען דארט דעם אנטיסעמיטיזם".

דאס בעווייזט נור, אז לויט דער פסיכאלאגיע זייערער, דער אידישער, זיינען זיי, די פרייע בירגער פון פרייע לענדער, ניט ווייט אוועק פון אונז רעכטלאזע רוסישע אידען. אויס אכטונג צו זיך אליין און צו די פרייע לענדער, אין וועלכע זיי זיינען אויס־געוואקסען און לעבען, דארפען זיי אוועקווארפען דעם שרעק, וואס שאפט ניט עהרע, ניט זיי און ניט זייערע פאטערלענדער.

א פערהייראטע פרוי, וואס איז אריין אין א נייער פאמיליע, קען זיך ניט קאמפראמעטירען פאר איהרע נייע פערוואנדטע ווען זי העלפט ארויס איהרע בלוט פערוואנדטע, די פאמיליע, אין וועלכער זי איז געבוירען. זי ערפילט בלויז א נאטירליכען, א זעלבסטפערשטענדליכען חוב.

אזוי וויניג קענען זיך אויך קאמפראמעטירען די אידען אין די פרייע לענדער אין די אויגען פון זייערע מיטבירגער. קיינער וועט ניט וואגען זיי וואס פארצוווארפען. און זייער חוב צו זייערע בלוט־פערוואנדטע מוזען זיי בעצאהלען. זייער ח ו ב. און ניט פראזען פון „מיטלייד" און פערזיכערונגען אין „סימפאטיע", אין וועלכע מיר נויטיגען זיך ניט.

דער חוב צו אונז און צו זיך אליין, ווייל אונזער אינטערעס איז זייער אינטערעס. ווען מיר וועלען אויסגעלייזט ווערן, וועלען אויך זיי אויסגעלייזט ווערן — פון דער פעראכטונג, פון דער ספעציפישער בעליידיגענדער בעציהונג צו אידען, ווי צו „אויך־מענשען", וואס עקזיסטירט אין אלע, אפילו די פרייסטע לענדער.

נאך גאר ניט לאנג זיינען אין אמעריקא געווען (און אפשר זיינען נאך דא) האטעלען, אין וועלכע מען האט ניט אריינגע־לאזען „קיין הינט און קיין אידען".

* * *

פארהאן א סך כוחות אין אידישען פאלק, נור צונויפגעזאמעלט

מוזען זיי ווערען און אויסגענוצט—די פאסיווע און אקטיווע—אין אט דער אויסערגעוועהנליכער צייט, וואָס איז פאר אונז אידען איצט בעזונדערס גינסטיג.

עס איז א פערברעכען צו בעהאלטען זיך איצט, צו קוויינקלען זיך און צו ציטערן צו ריידען הויך אויף א קול וועגען דער פיינליכער לאגע אונזערער, וועלכע איז שוין געוואָרען אונמעגליך. אלץ, וואָס העגנגט נור אב פון אונז, אלץ וואָס איז נור אין אונזער כוח, זיינען מיר פערפליכטעט צו טהון, אט שוין, פאר אונזער איינענעם שוץ, פאר אונזער איינציגער רעטונג.

פעראינטערעסירט זיינען אין דעם אויך ניט אידען. אבער קיינער וועט זיך ניט איינשטעלען פאר אונז, ווען מיר אליין וועלען ניט שטעהן פאר זיך.

מען דארף אבטרייבען פון זיך אלע שרעקען, אלע ספקות. מיר האָבען דאָך ניט וואָס צו פערלירען. ערגער קאָן ניט ווערען און געווינען קענען מיר אלץ.

גרוים איז די פעראנטוואָרטליכקייט פון יעדען אידען, וועלכער איז בכוח וואס עס איז צו טהאָן פאר זיין פאָלק—פאר יעדען טאָג, פאר יעדע פערלאָרענע שטונדע און אויך פאר יעדען טריט, וואָס מען טהוט און מען טהוט ניט. קיין זאך זאָל ניט אונטערגעמען ווערן, וואָס איז א פראָדוקט פון איינעמס א פאנטאזיע, וואס איז אריינגעפאלען אין קאָפּ איין איינצעלנע פערזאָן! זאָל עס זיין א דעמאגאָג צו א בעל־צדקה, גאנץ עגאל. ווער די פערזאָן זאָל ניט זיין — הויכגעשטעלט, ערפאהרען, רייך. ערפילט מיט די בעסטע ווינשע. קיינער זאָל ניט האנדלען אין זיין אייגענעם נאָמען.

די אויפלעבונג פון אידישען פאָלק דארף זיין די ארבייט נור פון דער מאסע פון אידישען פאָלק, און ניט פון עטליכע שתדלנים און מליצי יושר.

אנדערש וועט מען זיך קיין זאך ניט דערשלאָגען. און מיר וועלען פאקטיש בלייבען אין דערזעלבער לאגע, וואס איצט.

מיר דארפען גלייך ארגאניזירען א נאציאנאלען אידישען קאָמיטעט, א דערוויילינע אידישע רעגירונג, וואָס וועט מיט רעכט זיך קענען ווענדען צום גאנצען פאָלק מיט דעם רוף: ש מ ע י ש ר א ל!

זי וועט פאראייניגען אלע כחות פון אידישען פאלק, און ניט פון א וואסער עס איז איין פארטיי; זי וועט מאביליזירען און וועט אויפפאדערן צו ערפילען זיינע פליכטען יעדען אידען פון יעדער שטעלונג און פון יעדער מיינונג. און זי וועט אליעמען אונטערוווארפען אן אונבעדינגטער דיסציפלין.

די מלוכות פון דריי אבמאך האבען ערקלערט, אז זיי קעמפפען פאר דער קולטור, פאר דער פרייהייט פון די קלענערע נאציאנאליטעטען. זייער ווערטה פאר דעם אלגעמיין מענשליכען פראגרעס איז פון דעם דריי־אבמאך אנערקענט. אויך די אידען זיינען אנגערופען געווארען. די פעראינטערעסירטע רעגיערונגען נויטיגען זיך ניט אין אונזער אנווייזונג, אז עס לוינט זיך פאר זיי, ארץ ישראל זאל בעזעצט ווערן פון אזא קולטורעלען און אקטיווען פאלק, ווי דאס אידישע. זיי האבען דאס אליין ערקלערט. און אונזער פראדוצירענדע קראפט וועט פערצעהנפאכט ווערען, ווען מיר וועלען בעקומען פאליטישע און נאציאנאלע אונאבהענגיגקייט. אונזער נאציאנאלער ווערטה — דער מאטעריעלער און מאראלישער — איז אויסער יעדען צווייפעל. לויט דער צאהל פון די קרבנות, וואס מיר האבען געבראכט אין דער איצטיגער מלחמה, און לויט דער צאהל פון סאלדאטען, וואס מיר האבען ארויסגעשטעלט אין פעלד, זיינען מיר פאקטיש די אליאירטע פון די אליירטע. מעהר פון בעלגיען, סערביען און מאנטענעגרא.

מיר דארפען זיך דערשלאגען, אז אט דער פאקט זאל עפענטליך אנערקענט ווערן. זיך דערשלאגען אן אפיציעלע אנערקענונג פון א פארשטעהערשאפט פון אידישען פאלק אום צו פערהאנדלען אין זיין נאמען מיט די רעגיערונגען פון די בעטרעפענדע מלוכות, און אום אפיציעל צו פערטרעטען די אינטערעסען פון אידישען פאלק אויף דעם פריעדען־קאנגרעס.

און אין דיזען זין דארפען מיר ארגאניזירען און אנפיהרען א סיסטעמאטישע קאמפאניע אין דער אמעריקאנער און אייראפעאישער פרעסע. דאס ציעל זאל זיין — א אי־

דישער שטאַאט אין ארץ ישראל און א מענשליך ווירדיגע עקזיסטענץ אומעטום וואו די אידען לעבען אין גלות — אין רוסלאנד, רומעניען, דייטש־לאנד, א. ז. וו., אויף די יסודות פון בירגערליכער פּאָליטישער און נאציאנאלער גלייכבערעכטיגונג.

די עפענטליכע מיינונג איז אומעטום פאר אונז, אויך די אמע־ריקאנישע, וואָס איז פון אַ בעזונדערען אינטערעס פאר די קריעגס־פיהרענדע צדדים.

* * *

אין דער אידענשאפט זיינען דאָ אי בעסערע קרעפטען, אי גרעסערע אויטאָריטעטען פון מיר, וועלכע וועלען עס קלערער און בעסער פון מיר אלץ דערקלערען און טהאָן.

אָבער טהאָן מוז מען, און באלד, ווייל פיעל צייט איז שוין פערלאָרען געגאנגען, פיעל שאָדען איז שוין אונז אָנגעטהאָן גע־וואָרען אַ דאנק אונזער דעזאָרגאניזירטקייט.

איך וויים, אז ניט אלע אידען וועלען געהן מיט אונז. אָברופען וועלען זיך נור די, וועמען עס שטיקט די שקלאפעריי און די פער־פאָלגונגען לאָזען ניט עטעמען. נור די וואָס ווילען לעבען און אר־בייטען פריי, ווי אידען, און נור אידען, וועלכע בעגרייפען, אז נור אויף אזא אופן קען מען בערעכטיגען די אייגענע עקזיסטענץ. לעבען און ארבייטען פאר דער גאנצער מענשהייט.

אָבער נור אזעלכע וועלען דאָס אידישע פאָלק אויסלייזען פון דער פיין און דער שאנד פון קנעכטשאפט. אפילו יענע, וועמען „עס לעבט זיך היינט אויך גוט.“ וועלכע גיבען זיך אומזיסטע מיה „אויפ־צולעזען זיך צווישען די ניט אידען“. און פון וועלכע די ניט אידען וואָלטען אזוי וועלען אויסגעלייזט ווערען.

איך בין א סאָציאליסט. און איך גיב זיך אָב א קלאָרען חשבון, אז איך געה מיטהעלפען דער פערווירקליכונג פון ציוניזם, און ניט פון סאָציאליזם. פון א קאפיטאליסטישען אידישען שטאַאט, אין וועלכען דער גן־עדן אויף דער ערד וועט ניט אזוי גיך מקוים ווערן. אויך דאָרט וועלען ביי אונז זיין אי רייכע אי אָרימע, אי לייד אי אונגערעכטיגקייט, אי גרויזאמקייטען.

אָבער דאָס אלץ וועט זיין אונזערעס, אידישעס. ווי ביי אלע אנדערע פעלקער.

פון אונזער כח און קענען, פון אונזער קאמף וועט אָבהענגען די צוקונפט אונזערע. פון אונזער לאגע דאָרט אין ארץ ישראל וועט אָבהענגיג זיין די לאגע פון די געבליבענע, צוזייטע איבער דער גאנצער וועלט.

און דאָס איז געגוג, וואָרים דאָס איז אלץ.

אונזערע מוטערס, פרויען און שוועסטער, די טעכטער פון גרויסען אידישען פאָלק, זיינען מיט אונז. און זיי וועלען ערצי־הען אונזערע קינדער פאר שטאָלצע מענשען, וואָס וועלען ווערטה זיין אונזער ליידענספולע פערגאנגענהייט. ווירדיג און פרוכטבאר וועלען מיר אלס פאָלק קענען לעבען און ארבייטען צוזאמען מיט אנדערע פעלקער פאר דעם אלגעמיין־מענשליכען פראָגרעס, אום צו דערגרייכען די אלגעמיינע ציעלען פון אלע פעלקער, פון דער גאנצער וועלט.

עס וועט קומען א צייט ווען די ניט־זעהענדיגע וועלען דער־זעהן און די ניט־פערשטענדיגע וועלען פערשטעהן. און וועלען קו־מען צו אונז, און וועלען אונז זיין טייערע ברידער. ווייל זיי האָ־בען זיך אָנגעליטען פונקט אזוי פיעל וויפיעל מיר. אבער איצט האָבען מיר א רעכט צו פאָדערן פון זיי: שטערט אונז ניט!

דער טראגיזם פון דער לאגע אין וועלכער עס געפינט זיך דאָס אידישע פאָלק, די אויסערגעוועהנליכקייט פון דעם מאָמענט, וואָס מיר לעבען איצט איבער, וועט זיי אונטערזאָגען, אז איצט איז ניט די צייט פאר ויכוחים און שטרייטיגקייטען.

די גרויסע, נאָמענלאָזע, ליידענספולע מאַסע פון אידישען פאָלק נויטיגט זיך ניט אין מיינע ראיות. מיט פיעל האָבען פיעלע פון אונז געזינדיגט געגען איהר. איך פערזענליך בויג איין טיעף מיין קאָפּ פאר איהר, און טהו תשובה אויף מיינע זינד געגען איהר. זי ווייס: „יעדער טאָג האָט זיין פלאָג", און זי וועט מוחל זיין. אָבער פאר די צווייפלענדע, זיך קווענקלענדע פון אונזערע אויי־בערשטע שיכטען זאָל איך דיענען פאר א כאראקטעריסטישען און בעלעהרענדען ביישפיעל, פאר א זיכערען עדות. וואָס האָט אלץ אויף זיין אייגענעם רוקען איבערגעטראָגען, וואָס האָט אלץ מיט זיין אייגענער נשמה אויסגעוועהטאָגט.

* *

*

עס זינגען די איטאַליענער צו עהרע און צום אנדענקען פון די גאַריבאַלדיער, וואָס האָבען זיך געאָפּפערט פאַר איטאַליען׳ס פרייהייט:

"Si scopron le tombe, si levano i morti"
„עס עפענען זיך קברים, די מתים ערוואַכען".

זיי זינגען און רייסען זיך צו נייע אָפּפער אויסצולייזען די ברידער, וואָס זיינען אין קנעכטשאַפט פערבליבען.

און מיר דאַרפען נאָך זיך אַליין אויסלייזען, און פון א קנעכטשאַפט וואָס איז נאָך שרעקליכער.

זעהט, אידען, הערט!

טויזענד־יעהריגע קברים אונזערע עפענען זיך. אונזערע שרעקליכע מתים געהען פון זיי אַרויס, מיט אויסגעריסענע גליעדער, מיט צופליקטע לייבער, פערפייניגטע, און בעפעהלען אונז:

— געהט! לייזט אויס אונז און אונזערע ליידען. רעטעט די עהרע און די פרייהייט פון אייך און פון אייערע קינדער.—די שרעקליכע, צופליקטע, דורך יאהרטויזענדע געפייניגטע מתים אונזערע זיינען מיט אונז. די לעבעדיגע וועלען ניט קאָנען בלייבען צוריק.

אין א גרויסער עפּאָכע האָבען מיר די עהרע און דאָס גליק צו לעבען — אין יאָהר 1915. לעגענדען וועלען בעשאַפען ווערען וועגען דעם גרויסען קאַמפּף פון די פעלקער. רוסען, פראַנצויזען, ענגלענדער, דייטשען, בעלגיער, סערביער און אפילו מאָנטענעגרינער. לעגענדען, מיט וועלכע עס וועלען זיך שפּייזען, אבות, צו וועלכע עס וועלען זיך שטרעקען, הונדערטער דורות.

ווען מיר אידען פון אונזער דור זאָלען איצט ניט ערפילען אונזער חוב צו אונזער פאָלק, וועט פלוך און שמאַך פאַלען אויף אונז און אויף אונזערע קינדער און אויף אונזערע קינדס־קינדער, אין דורי־דורות.

אָבער דאָס וועט ניט געשעהן. וואָרים גרויס זיינען די כחות פון אידישען פאָלק. און אָהן א מאָס די ליידען. און זיי וועלען איהם צווינגען ניט איינצולאָזען דעם איצטיגען געשיכטליכען מאָמענט. דעם איינציגען. צוליעב זיין אייגענער בעפרייאונג. און צוליעב זיין ווידערגעבורט. איצט אָדער קיין מאָל ניט!

Genova, 1915.

ALLIED PRINTING TRADES UNION COUNCIL 277